**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## ICYMI: גאווערנער האקול'ס גאסט ארטיקל אין די NEW YORK DAILY NEWS: ניו יארק'ס צוזאג פאר די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג: גאווערנער האקול שטעלט פאר איר פלאן צו אינוועסטירן אין לייזונגען

היינט האט די New York Daily News פארעפנטליכט א גאסט ארטיקל וואס גאווערנער קעטי האקול האט געשריבן איבער ניו יארק'ס פילפאכיגע צוגאנג צו די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג. די פולע ארטיקל איז געדרוקט דא אונטן, און עס קען געלייענט ווערן אויף די אינטערנעט [דא](#).

*אום יוני 15 בין איך שטאלץ געווען צו צוזאמברענגען מער פון 1,000 מענטשן ביי ניו יארק'ס סאמע ערשטע [גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג צוזאמקום](#) וואו איך האב זיך צוזאמגעטראפן מיט שתדלנים וועלכע קימערן זיך גאר שטארק מיטן פאררעכטן די פרעצעדענטלאזע גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן מיט וועלכע פילע קינדער און צענערלינגען מוטשענען זיך. די אנוועזנהייט פון אזויפיל מענטשן ביי די צוזאמקום – ארייננרעכענענדיג פילע נאציאנאלע גייסטישע געזונטהייט עקספערטן, יונגווארג שתדלנים און פראפעסיאנאלן, עלטערן און אויפציהער, מחנכים און אנדערע – איז א סטעיטמענט אז מיר פארשטייען צוזאמען די פארנעם פון די קריזיס, די ווייטאג וואס עס פאראורזאכט און די קינדער וואס דארפן אונזער הילף.*

*עס האט מיר אויך געגעבן האפענונג אז מיר זענען א סטעיט וואס קימערט זיך און וואס קען ארבעטן צוזאמען צו זיין א חלק פון די לייזונג.*

*קינדער און צענערלינגען גייען אריבער א קריזיס וואס איז עפעס וואס דאס לאנד האט נאכנישט געזעהן בעפאר. אויפן היינטיגן טאג זענען די גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן טיף, אזוי ווי אונזער יונגווארג גייט אריבער גאר הויכע ראטעס פון אנגעצויגנקייט, דעפרעסיע און זעלבסטמארד. לויט די CDC פילן 42% – כמעט האלב פון אלע קינדער אין הויך שולע – א כסדר'דיגע טרויערע אדער האפנונגסלאזיגקייט. און 22%, באזונדערס צווישן הויך שולע מיידלעך, האבן געהאט געדאנקען אז אן אלטערנאטיוו צו דאס לעבן וואלט געקענט זיין בעסער.*

*צווישן LGBTQ יונגווארג – וועלכע זענען לעצטנס געווארן מער און מער געציהלט דורך פאליטיש-אונטערגעשטופטע אטאקעס פון עקסטרעם-רעכטע עלעמענטן – זענען די ציפערן אפילו מער שאקירנד. כמעט 70% פון LGBTQ קינדער פילן א כסדר'דיגע טרויערע אדער האפנונגסלאזיגקייט. צווישן זיי האבן 37% געמאכט א פלאן פאר זעלבסטמארד.*

*זעלבסטמארד ראטעס צווישן טונקל-הויטיגע יונגווארג קומען אן צו אלארמירנדע ראטעס, וואקסנדיג מיט 37% צווישן 2018 און 2021. א באזארגנדע זאך איז אז די ציפערן מעסטן נישט די פולע השפעות פון די פאנדעמיע וואס האט באטראפן די גייסטישע געזונטהייט פון קינדער און צענערלינגען אין וועגן וואס מיר האבן נאכנישט אינגאנצן ארויס.*

די ציפערן שיקן אריבער א שוידער אין די ביינער, און אלץ די ערשטע מאמע צו זיין גאווערנער פון ניו יארק סטעיט – און אלץ איינער וואס האט געזעהן קינדער אין פיין – זענען די ציפערן פערזענליך. מער פון אלעס אנדערש, זענען די סטאטיסטיקס א באזארגנדע דערמאנונג אז דאס וואס מיר פלעגן טוהן איז איינפאך שוין נישט גענוג.

פאר צו לאנג האבן מיר נישט אינוועסטירט גענוג אין גייסטישע געזונטהייט קעיר, און די צענדליגע יארן פון איגנארירן די קריזיס, באזונדערס אין סקולס, האט אונז געפירט צו א קריטישע נקודה וואס איז בלויז פארערגערט געווארן דורך קאוויד, א נאציאנאלע גאן פארברעכן מגיפה און א וואקסנדע נייגונג זיך צו פארלאזן אויף סאָושעל מידיע צו זיין פארבינדן מיט די וועלט.

האבנדיג גערעדט צו קינדער און אויסגעהערט זייערע הארץ רייסנדע געשיכטעס פון עלנדקייט, מורא און פארלוסט — האבן זיי דאס געמאכט קלאר: זיי דארפן מער הילף. זיי דארפן מער גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן אין שולעס, נישט איין קאונסעלאר פאר א שולע מיט 700 שילער. זיי דארפן לערנען אין אן אטמאספערע וואס איז פריי פון די מורא פון גאן פארברעכן וואס איז געווארן די הויפט אורזאך פון טויט צווישן קינדער און צענערלינגען. זיי דארפן טרענירונג צו קענען אויסשמועסן די כוח פון סאָושעל מידיע און די השפעה וואס עס האט אויף גייסטישע געזונטהייט אין קלוגע און דורגעטראכטע וועגן.

מער פון אלעס אנדערש דארפן זיי פון אונז אז מיר זאלן ארויפשארן די ארבל און אונטערנעמען שריט צו דורכפירן דייטליכע שכל'דיגע מאסנאמען וועלכע קענען פארגרינגען די קריזיס.

אנגעהויבן פון היי יאר, האט מיין אדמיניסטראציע אונטערגענומען די ערשטע טריט צו אוועקשטעלן באדייטפולע לייזונגען צו די קריזיס דורכן ברענגען אן עק צו די יארן פון נישט גענוג אינוועסטירונגען אין גייסטישע געזונטהייט קעיר. מיר מאכן איבער די גאנצע סיסטעם מיט א לאנג-טערמיניגע 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו צושטעלן סערוויסעס אויף אלע שטאפלען פון נויט, צו פארמיידן פון מענטשן צו אריינפאלן צווישן די שפאלטן און זיכער מאכן אז יעדער באקומט קעיר אויף א כסדר'דיגן פארנעם. אין צוגאב, האבן מיר אנאנסירט א היסטארישע 34.5 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין חינוך און בילדונג און 347 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר גאן פארברעכן פארמיידונג, ערלויבנדיג אונז צו אונטערנעמען א ברייטע צוגאנג צו העלפן אונזער יונגווארג.

מיר וועלן אויך אויסרעכענען ספעציפישע וועלכע צוקונפטיגע פאליסיס ניו יארק קען איינפירן בשעת'ן שטופן אנדערע סטעיטס און די פעדעראלע רעגירונג צו נאכפאלגן אין אונזערע פוסטריט. די פאליסיס דארפן אריינרעכענען מאסנאמען צו אפשטעלן סאָושעל מידיע פון פארציקן אונזערע קינדער און רעדוצירן די איינפלוס וואס עס האט אויף זייער גייסטישע געזונטהייט; אריינשטעלן פראפעסיאנאלן אין די קאמיוניטיס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן פון די קריזיס (צום ביישפיל LGBTQ, טונקל-הויטיגע און לאטינאָ קאמיוניטיס); און אינוועסטירן אין לאנד'ס-פירנדע גייסטישע געזונטהייט פארשונג פראגראמען צו העלפן צושטעלן די נויטיגע אינפארמאציע פאר צוקונפטיגע פאליסי באשלוסן.

צום שלוס, וועלן מיר פארזעצן צו ארבעטן דירעקט מיט די וועלכע ווערן באטראפן דורך די קריזיס: יונגע מענטשן. נאכן אפהאלטן טורס צו אויסהערן קינדער און צענערלינגען אריבער די סטעיט, און נאכן צוזאמברענגען אזויפיל איבערגעגעבענע ניו יארקער ביי אונזער גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג צוזאמקום, קען די וויכטיגקייט פון די איינפלוס וואס די יונגע שטימעס האבן אויף די שמועס נישט זיין קלארער, און עס וועט זיין וועזנטליך אז זיי זאלן זיך געפונען אויפן פארנט אזוי ווי מיר קומען אויף מיט נייע פאליסיס.

*די קריטישע שריט זענען בלויז די אנהויב. זיי זענען א צוזאג זיך צו נעמען צו די שווערע פראגן, גיבן נישט טראדיציאנאלע ענטפערן און צו אין פראגע שטעלן די גאנצע יעצטיגע מצב פון גייסטישע געזונטהייט. אין פשוט'ע ווערטער: זיי זענען א הבטחה צו טוהן בעסער.*

*צוזאמען מיט די טויזנטע וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען און זיך געלאזט הערן ביי די צוזאמקום און די מיליאנען אנדערע צו וועם די אנגעלעגנהייט איז אזוי פערזענליך — גלויב איך אז מיר קענען ערררייכן בעסערע רעזולטאטן אנגעהויבן פון היינט.*

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן